STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01580

YIDISH-RINGEN

A. Yoakhimovish

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

א. יאָאכימאָוויש

יידיש=רינגען

אַרויסגעגעבן פון אַ גרופּע
חובבי יידיש

ניו־יאָרק — 1979

אַריינפיר פון פראָפ. נתן זיסקינד

„יידיש וואָרט, מיט אונדז ביסטו געוואָרען באַפרייט!“ אַזוי צעזינגט זיך אברהם יאַאַכימאָוויטש, אונדזער דיכטער, כמעט אין די ערשטע שעה׳ן נאָך דער באַפרייאונג פון לאַנדסבערגער קאַצעט אין סעפּטעמבער 1945. דאָס איז אַן אויפברויז פון שמחה איבער די „פרייד פון יידישע רייד“ וואָס „באַלעבט אונדזער טרוקן געביין“. „נאָר מיט דיר צוזאַמען וועלן מיר זיך דערהויבן / מיט דיר יידיש וואָרט וועט אויך שטייגן אונדזער גלויבן“. און אַזוי ווייטער אין אַלע לידער קומט צום אויסדרוק דער אַלץ־איבערוועלטיקנדער באַטייט וואָס יידיש־לשון האָט פאַרן דיכטער. מ׳ווערט טיף גערירט און אָפט מיטגעריסן פון דער גרויסער ליבשאַפט וואָס פילט אַן ביזן דנאָ, ביז צום איבערפלוס דעם דיכטערס האַרץ מיט גליק און דערקוויקונג.

ער קען זיך ניט גענוג טאָן אין באַזינגען די מעלות פון יידיש; פון איר חן און שיינקייט — איז דאָך אַ פשיטא, אָבער ערשט פון איר וויכטיקייט און נייטיקייט פאַר אונדזער ווייטערדיקן קיום. אָבער ביי אים איז יידיש ממש אַ ליבע מאַמע. איין ליד הייסט טאַקע „מאַמע יידיש“ (זייט 16), אָבער „מאַמעדיק“ רעדט יידיש אין מערערע לידער..

מיטגעריסן קען מען אויך ווערן פונעם שוואונג און ריטעם פון די לידער: ביחוד אין אַזאַ ליד ווי „יידיש־רינגען“ (זייט 13). ביי לייענען עס הויך הייבן זיך ממש די פיס ווי ביי אַ מאַרש־ליד: „טאָ לאָמיר די רינגען פאַרשמידן/ניט לאָזן אויף הפקר די קייט און קודם אַליין זיין יידן/וואָס ריידן נאָר יידישע רייד“.

צו דער מאַמען קאָן דאָס לשון זיין „פּראָסט און פשוט יידיש וואָרט“ — ווי ס׳קלינגט די ערשטע שורה פון דער תפילה־זכה „צו יידיש לשון“ (זייט 19) און דאָך ווערט דאָס פשוטע וואָרט אַזוי דערהויבן פונעם תוכן אַז עס באַקומט דעם כוח פון טיפער רירונג; און ווייל טאַקע דער תוכן איז אַזוי עיקרדיק צעשפּרענגט ער אַזש די רעגלמעסיקייט פונעם גראַם, ווייל נאָך מער ווי די קלאַנגען שאַפן דאָ די געזאַנג־מחיק — די געדאַנקען.

אָבער דער דיכטער איז ניט נאָר פשוט. ער האָט אויך אַ געשליפענע צונג און קען מיכצן ווערטער ווי די בעסטע וואָרטקינסטלער. ביי אַזעלכע וואָרט־שפּילערייען דערמאָנט ער אָן די קונסט פון משה נאַדיר ע״ה.

מיר אַליין געפעלן גראָד די וואָרטשפּילערייען און איך האַלט זיי פאַר אַ גרויסע ליטעראַרישע דערגרייכונג. אונדזערע פּיוטים זיינען פיל מיט וואָרטשפּילערייען! אונדזער גרעסטער דיכטער פון אַלע צייטן, ר׳ יהודה הלוי, האָט אַחוץ זיינע רירנדיקע בילדער אַ שלל שפּילערייען. אָבער זיי זיינען עפּעס אַרויס פון דער מאָדע, וועל איך נאָר דערמאָנען איינס אַזאָס: אין וואָרט ייד מיט צוויי יידן (זייט 22) געפינט דער דיכטער אַ סימבאָל: עס ווייזט דאָס דער שם (הוויה).

די ליבשאַפט צו יידיש איז אַזוי גרויס...

צו גרויס! זי שטויסט אַרויס אַלע אַנדערע ליבעס!

פּאַרשטיין קען מען דאָס זייער לייכט. אַ דיכטער וועמען „דאָס שטאַמלען האָט געגוג שוין געקווּעלט״, לאָזט ניט נאָר הילכיק שאַלן „די אין צוים־געהאַלטענע פאַרפייניקטע שטימע״, נייערט זי באַטייט צו אים דאָס העכסטע גוטס, ווייל זי אַליין דערמעגלעכט אים אויסצודריקן טאַקע די פאַרפייניקטע געפילן, און דורך אַזאַ אויסדרוק צו געפינען די נחמה — די דערלייטערונג, די טרייסט, און אפשר אפילו דעם מיק, פון און פאַר די ליידן.

ר׳ לוי יצחק, זצ״ל, האָט זיך מתרעם געווען אפילו אויפן כביכול: „וואָס האָסטו דיך אָנגעזעצט אויפן פאָלק ישראל?!

רק מ׳זוכט פעלערן, רק מ׳געפינט חסרונות...

גענוג! יידן זיינען ניט שולדיק אין די גרויסע אומגליקן, וואָס טרעפן זיי פון צייט צו צייט. דאָס וואָס די שארית הפליטה פון די חורבנות ראַטעווען זיך יעדעס מאָל אין נייע גלותן אַריין, קומט די אבידה פון לשון ווי אַ סטיכישער פּראָצעס, אַ צוואַנג, און איז אַ טייל פונעם גרעסערן חורבן. ס׳איז נישט אַ וואַל — אָדער — וויל זאַך. אין אַלע גלותן זיינען יידן אַריינגעקומען מיט אַן אייגן יידיש לשון (די ענציקלאָפּעדיעס רעכענען אויס איבער 2 טוץ אַזעלכע!) און האָבן (ניט־ווילנדיק!) פאַרלוירן זייער אייגן לשון, געליטן אַן איבערברוך פון זייער מיט מי געשאַפענער ליטעראַטור.

ניט דאָ איז דער פּלאַץ אַריינצוגיין אין פּרטים סאָציאָלינגוויסטיש־וויסנשאַפטלעך צו באַגרינדן: ווען, וויאַזוי און ווי שנעל יידן פאַרלירן זייער אייגן לשון אָדער שאַפן אַ ניי אייגן לשון. אויב איך דערמאָן דווקא יאָ איין פּרינציפּ אַזאַ — איז עס ווייל עס איז אַ שטיקל טרייסט: וואָס ווייניקער גלותדיק דער גלות, אַלץ שנעלער פאַרלירט זיך דאָס גלות־לשון; וואָס בעסער עס גייט חעם יידן, אַלץ ערגער גייט עס זיין אייגענער שפּראַך. סטיכיש! צי ס׳געפעלט צי ניט!

איך בין פון די וואָס אַרבעטען צו מאַכען ישראל פאַרשטיין די ברכה פון יידיש פאַר אונדז אַלעמען. אגב, פאַרשטייען עס אַ טייל מנהיגים סייווי.

ווינטש איך דעם דיכטער ער זאָל זוכה זיין, מיט זיין טאַלאַנטפולן מענה־לשון, צו געווינען די ליבשאַפט פון די יידן פאַר מאַמע לשון.

פראָפ. אפרים קציר
פרעזידענט פון מדינת ישראל

מאַמע־לשון און טאַטע־לשון

מיר ברענגען דאָ די רירנדיקע און גייסטרייכע רעדע וואָס דער נשיא האָט געהאַלטן ביים צוטיילן דעם מאַנגער־פּריז פאַר 1975.

ס'איז פאַר מיר אַ גרויסער זכות צו זיין דאָ מיט אייך דעם אָוונט און זיך באַטייליקן אין דער פייערונג ביי דער זיבעטער צוטיילונג פון דעם איציק מאַנגער־פּריז פאַר ליטעראַרישער שאַפונג אין יידיש.

די פייערונג איז געווידמעט, לויט די צילן פון דעם פּריז, צו מאַניפעסטירן דעם פּלאַץ, דעם באַדייט און די רעכט פון דער שאַפונג אין יידיש און דער קולטור פון יידן; דערמוטיקן שרייבער, פאָרשער און שעפער אין דער יידישער שפּראַך אין ישראל און אין די תפוצות; אויסדריקן די פאַרערונג און ליבשאַפט פון אַלע ליבהאָבער פון פּאָעזיע און קונסט פאַר דעם מאַן — איציק מאַנגער — וואָס אויף זיין נאָמען און פאַר זיין אָנדענק איז דער פּריז געשאַפן געוואָרן.

אין יידיש, וואָס ווערט גערעדט קרוב טויזנט יאָר, איז געקומען צום וואונדערלעכן אויסדרוק דער יידישער שטייגער אין גלות אייראָפּע, דער צער, די ליידן און די פּראָבלעמען פון דעם יידישן שטעטל און אויך די פריידן און דערגרייכונגען אין טעג פון דערהויבנקייט און ימים טובים, און זינט דער צווייטער וועלט־מלחמה דריקט אויס די ליטעראַטור אין יידיש דעם שרעקלעכן חורבן, וואָס איז געקומען אויף אונדז מיט'ן פאַרשניידן דעם יידישן שטאַם אין אייראָפּע.

אין יידיש געפינסטו אַ שפּראַכלעכע עשירות און אַ וואונדערלעכע פילפאַרביקייט, ווייל יידיש האָבן גערעדט און עס רעדן יידן אין אַלע ווינקלעך פון דער וועלט. יידיש האָט פאַראייגנט און עס האָבן זיך אין איר אַריינגעפלאָכטן באַגריפן, אויסדרוקן און וועלט־באַנעמונגען פון די שכנים צווישן וועלכע יידן לעבן. אין יידיש האָבן זיך איינגעטיגלט פאַרשידענע קולטור־השפּעות, וועלכע האָבן זיך צוזאַמענגעשמאָלצן מיט דער יידישער מחשבה און דענקען, מיט די יידישע מנהגים און שטייגער. לאָמיר אויך נישט פאַרגעסן, אַז אין יידיש זענען איינגעפלייסט טויזנטער העברעיִשע ווערטער, פּסוקים פון תנ״ך און פון חז״ל, אויסדרוקן און משלים פון דער אַנטיקער העברעיִשער ליטעראַטור. פון דעם קוק־ווינקל דאַכט זיך, אַז יידיש איז געווען בבחינת גערעדטער העברעיִש פון טאָג־טעגלעכן לעבן, אַ מין תורה שבעל פּה. אַזוי אַרום האָט העברעיִש אויפגעהאַלטן איר פּוריזם, וואָרום יידיש איז געווען אַ שוץ־מויער, וואָס האָט אָפּגעהיטן העברעיִש — לשון קודש. העברעיִש איז געווען די הייליקע שפּראַך פאַר תפילות און צו לערנען תנ״ך און די משנה, בעת יידיש איז געווען די אומגאַנג־שפּראַך, די שפּראַך פאַר טאָג־טעגלעכקייט.

לאָמיר אויך זאָגן, אַז ווי יידיש איז מאַמע־לשון (אין ווערטלעכן זין ממש) אַזוי איז העברעיִש טאַטע־לשון און אַזוי ווייל דער טאַטע איז געווען פאַרהאַרעוועט, צי מיט דאגות

פּרנסה צי אין לערנען תורה, בעת די מאַמע איז געווען מיט די קינדער פון זייער אופשטיין ביז לייגן זיך שלאָפן. דאָס לשון יידיש איז געווען דאָס האַרץ־לשון פון דער מאַמע מיט אירע קינדער. דער טאַטע האָט זיך אויפגעטראָגן מיט זיינע זין שבת און אין די ימים טובים ביי די תפילות, צי ביים פאַרהערן זיי די תורה וואָס זיי האָבען געלערנט דורך דער וואָך אין חדר. און פון דאַנען קומט דער זאָג, אַז „יידיש רעדט זיך און העברעיש רעדט מען". אין יידיש זאָגט מען: „רעדן יידיש איז אַ מחיה" און אין העברעיש — „השיחה ביידיש יש בה מן המחיה" — לעבט אויף דעם יידישן שטייגער, לעבט אויף די געשיכטע פון אונדזער פאָלק.

אין מדינת ישראל, וואָס איז דער צענטער פאַר דער גייסטיקער און קולטור־שאַפונג אין העברעיש, קולטיווירן מיר יידיש ווייל מיר ווילן אַרומנעמען דעם עבר און זיין שטייגער, וואָס איז נישט־געוואָרן. ווייל מיר ווילן דערקענען די לאַנגע געשיכטלעכע תקופה פון אונדזער פאָלק; ווייל מיר ווילן פאַרשטיין אונדזער שאַפונג אויפן געביט פון גייסט און קולטור: אין פּאָעזיע און פּראָזע, אין דראַמע, אין מאָלעריי, סקולפּטור און אין אַנדערע קונסטגעביטן אין דער יידישער וועלט, וואָס איז אומגעקומען אין דעם חורבן. ווייל מיר ווילן פאַרשטיין דעם חורבן; ווייל מיר ווילן האָבן אַ קשר מיט דער גרויסער צאָל עולים כן ירבו וואָס רעדן יידיש; ווייל מיר ווילן האָבן אַ פאַרבינדונג מיט די מאַסן יידיש־רעדנדיקע יידן אין די תפוצות.

דווקא אין ישראל ווילן מיר צוריקקערן צו זיך, סיי דעם טאַטן און סיי די מאַמע.

יצחק באַשעוויס־זינגער

פאַר מיר איז אידיש די לעבעדיקסטע שפּראַך

איך וועל רעדן צו אייך אין צוויי שפּראַכן, אין יידיש און אין ענגליש. איך דאַנק אייך פאַר דעם גרויסן כבוד, וואָס איך, און מיט מיר די אידישע ליטעראַטור באַקומט פון דער גרויסער אינסטיטוציע פאַר בילדונג — פון דער העברעאישער אוניווערסיטעט אין ירושלים.

העברעאיש און יידיש זיינעןביידע שפּראַכן פון איין פאָלק; צוויי זייטן פון איין מטבע. יידיש האָבן גערעדט דער ווילנער גאון, דער בעל שם טוב, אַ סך מפורשים און פּוסקים, וואָס זיינען ביי אונז פאַרהייליקט. יידיש האָבן גערעדט חיים נחמן ביאַליק און דער חפץ חיים. אויף מיינע פאָרלזונגען און ביי אַנדערע געלעגנהייטן פרעגט מען מיך אָפט פאַרוואָס איך שרייב יידיש, אַ שפּראַך וואָס „האַלט ביים שטאַרבן", און איך האָב אַ ריי צוגעגרייטע ענטפערס אויף דער דאָזיקער קלאָץ־קשיא.

ערשטנס שרייב איך אָפט וועגן גייסטער און אַ „טויטע" שפּראַך פּאַסט די גייסטער בעסער ווי אַ לעבעדיקע. וואָס טויטער די שפּראַך, אַלץ לעבעדיקער איז דער גייסט.

צווייטנס איז יידיש מיין מוטערשפּראַך און אַ מוטער איז קיינמאָל ניט טויט פאַר אירע קינדער. פאַר מיר איז יידיש די לעבעדיקסטע שפּראַך אין דער וועלט.

דריטנס בין איך גרייט צוצוגעבן, אַז יידיש איז קראַנק, אָבער אין אונזער געשיכטע איז פון זיין קראַנק ביז שטאַרבן אַ ווייטער, ווייטער מהלך. קנאַפּע צוויי טויזנט יאָר האָט מען געהאַלטן העברעיש פאַר אַ טויטע שפּראַך און זעט וואָס פון איר איז געוואָרן אין די לעצטע זעכציק יאָר.

פערטנס איז תחית־המתים ביי יידן ניט קיין נס, נאָר אַ נאַטור־געזעץ. איך גלויב אין תחית־המתים און ווען אונזערע טויטע וועלן אויפשטיין וועלן זיי רעדן יידיש און גלייך פאַרלאַנגען אַ יידיש בוך.

פינפטנס — מיר האָבן היינט, אויף דער וועלט אַ וועלכע דריי און אַ האַלבן מיליאַרד מענטשן, אָבער אין הונדערט יאָר אַרום וועלן מיר אפשר האָבן הונדערט מיליאַרד און יעדער איינער פון די דאָזיקע מענטשן וועט דאַרפן אַ טעמע פאַר דיסערטאַציע. אומצאָליקע דיסערטאַציעס און ווערק וועלן געשריבן ווערן וועגן יידיש. מיר מוזן צוגרייטן גוטן שטאָף פאַר די געלערנטע פון דער צוקונפט.

וואָס שייך מיר, איז יידיש ניט בלויז די שפּראַך וואָס איך רעד. נאָר איך חלום אויך אין יידיש, און אין אונזערע חלומות איז ניטאָ קיין טויט. אַלץ לעבט אין זיי. דער אמת איז, אַז איך וואָלט געשריבן יידיש אפילו ווען איך וואָלט, חלילה, געווען דער לעצטער ייד, וואָס רעדט יידיש. אָבער עס האַלט ניט דערביי. יידיש וועט בלייבן די אייביקע ירושה פון יידן, ווי עס איז העברעיש און אַראַמעאיש. מיר יידן ליידן אויף אַ סך קראַנקהייטן, אָבער ניט אויף אַמנעזיע. אונזער זכרון איז שטאַרק און אייביק!

די צוואה פון קדוש יצחק קאַצענעלסאָן

אין קאָנצענטראַציע־לאַגער, האָט דער באַרימטער דיכטער געשריבן — פון סוף מאַי ביז מיטן סעפּטעמבער 1943 — זיין גרויסן „פּנקס וויטעל". פרוי נאָוויטש דערציילט, אַז אין וויטעל האָט קאַצענעלסאָן בכלל אַרויסגעוויזן אַ גרויסע ליבע צו יידיש. אויסער זיין קרוין־ווערק, „דאָס ליד פון אויסגעה'רג'טן אידישן פאָלק", האָט ער אויך געשאַפן אַנדערע וויכטיקע ווערק אין יענער צייט, אין יידיש. ער פלעגט זאָגן צו די אַרומיקע אין לאַגער אַז דורות לאַנגע האָט דאָס אידישע פאָלק געלאַכט און געוויינט אויף אידיש. דאָס האָט שטענדיק באַגייסטערט אַלעמען אין יידישן לעבן, אַזוי דאַרף דאָס אויך זיין ווייטער.

❀

מנחם בעגין וועגן יידיש

פון יוסף געגערמאַן

פאַראַיאָרן האָב איך געהאַט אַ קורצן געשפּרעך מיט מנחם בעגין — איך האָב אים געפרעגט אין פראַגע: וואָס טראַכט איר וועגן אידיש ?

מנחם בעגין האָט מיך מילד אָנגעקוקט און געזאָגט:

„איך קען זיך ניט פאָרשטעלן די צוקונפט פון יידישן פאָלק און פון ישראל אָן יידיש".

ער האָט מיר אויך געזאָגט, אַז זיינע עלטערן האָבן גערעדט יידיש; אַז יידיש איז זיין מוטער־שפּראַך און אַז ער האָט ליב יידיש.

ווי האַלט עס מיט יידיש איצט אין מדינת ישראל ?

פון אַ שמועס צווישן י. שמולעוויטש מיט יצחק קאָרן, פּאָרזיצער פון ראַט

„דער ציל און אויפגאַבן פון דעם וועלט־ראַט פאַר יידיש — ווייזט אָן יצחק קאָרן — איז ווייטער צו שטאַרקן, אויפהאַלטן און פאַרטיפן די גרויסע גייסטיקע ווערטן פון דעם אומגעבראַכטן מזרח־אייראָפּעאישן יידנטום, וואָס איז נאָך אויך היינט, אַלס פאַרבליבענע רעשטלעך, אַ גרויסער כוח אין לעבן פון אונזער פאָלק. דער וועלט־ראַט האָט אויך פאַר אַ וויכטיקע אויפגאַבע צו זאָרגן פאַר דעם, אַז מדינת ישראל, וואָס איז דער צענטער פון יידישן פאָלק, זאָל זיין אַקטיוו און מיטהעלפן אין די דאָזיקע אויפגאַבן. עס איז קלאָר, אַז די יידישע מדינה דאַרף אויך ווי געהעריק זיין פאַראינטערעסירט און אַקטיוו, ביים העלפן שטאַרקן דאָס יידישע קולטור־לעבן אין דער וועלט“.

„איך וויל זאָגן — האָט יצחק קאָרן דערקלערט ביים סוף פון אונזער שמועס — אַז דער פּאָטענציעלער כוח פון דער יידישער שפּראַך און קולטור איז פיל גרעסער ווי דאָס קומט צום אויסדרוק. געוויס איז דאָס פאַרווירקלעכן אונזערע אויפגאַבן, פאַרבונדן מיט געהעריקע נויטיקע פאָנדן. עס איז אָבער פאַר מיר נישט קיין סוד, אַז פאַר די טעטיקייטן פון וועלט־ראַט וואָס איז פון גרויסער באַדייטונג, וועלן זיין געהעריקע געלט־מיטלען. עס איז אויך קיין ספק נישט, אַז אַ וויכטיקן חלק ביים העלפן שטיצן און דורכפירן די פאַרשיידענע פּראָיעקטן פון וועלט־ראַט פאַר יידיש, וועט דערפילן דאָס גרויסע אַמעריקאַנער יידנטום“.

עס איז אויך וויכטיק, גיט צו מר. קאָרן, אַז די יידיש־משפּחה, אַלע וועמען עס איז טייער דער המשך פון דער יידישער שפּראַך און קולטור, זאָלן זיין פאַראייניקט. דאָס קען געוויס פיל מיטהעלפן ביים רעאַליזירן די וויכטיקע אויפגאַבן.

❀

גערענקט !

דאָס יידישע וואָרט, נעמט נישט אַוועק,
איר וועט נישט אַלע יידן עברית'ירן,
זיי וועלן בלויז אַראָפּ, פון יידיש־וועג !
איר וועט זיי „העלפן“, גרינג אַסימילירן !

אַ בריוועלע צו...

צו אונדזערע טייערע
עבריתישע ברידער,
פאַרוואָס זענט איר מיט אונדז
אין קידער־ווידער ?
אדרבה זאָגט אונדז,
ווער האָט דאָס נאָך,
אַזוי, ווי מיר אין תוך,
זיך באַנוצט כסדר
מיט דעם אות, אלף
און מיט דעם אות, בית.
אין אונדזער יידיש־לשון,
מיט אייפער געהיטן
געפוצט און געשליפן.
און דאָס געלייטערט,
מיט אַלע זיבן חנ'ען,
אפילו ווען דער חלף,
האָט נישט געמיטן,
דאָס קינד, ווי דעם גרייז...
און די נאַצי־גערמאנען,
האָבן פון אונדז אַלע געמאַכט,
דורך פלאַם, עפר ואפר...
אַפצומעקן ייד מיט יידיש !
איז אונדז נאָר אַ חידוש,
פאַרוואָס איר האָלט נאָך פאַרמאַכט,
פאַר יידיש, אייער בית ספר...
און מיר, דאַרפן דאָס דערמאָנען !

יעדער פון אונדז ווייס,
אַז נישט מיר, נאָר איר,
האָט זיך דערוויטערט,
פון אונדזער לשון יידיש,
וואָס האָט זיך ליכטיק צעשיינט
און צווישן יידן אויפגעגאַנגען,
מיט פאָלקישע באַנגען...
טאָ עפנט ברייטער די טיר,
מען זאָל אויך דערהערן,
דעם יידישן־שיר,

די יידיש געזאַנגען,
אונטער ישראלדיקע שטערן...
און איצט אַז איר האָט
ווידער צעבויט אויפסניי,
אַ ניי אייגענער היים...
ווילט איר נאָך אַלץ ניט,
מיט יידיש אונדז אַריינלאָזן,
אינעם קינדער חדר...
אויף אייער יחסנישער שוועל,
מיט אונדזער יידיש־ליד,
אַז מיר זאָלן זיך פילן,
מיט אַלעמען גלייך, פריי !
און מיר זאָגן אייך :
ווערט נישט די באַגרעבער,
נאָר די באַלעבער
אויך פון לשון יידיש,
צו איר, ריכטיקער הייך...
אויסער, איר ווילט אונדז ניט,
פאַר אייערע ברידער,
ווען מיר אפשר מוזן מאַכן,
אַן אייגענעם, יידיש־סידור...
דאָס דאַרפט איר געדענקען,
אַז נאָר מיר האָבן זיך,
צום יידישן אות
צוגעבינדן
און ביי אַלע וואונדן,
זיך נישט אָפגעבונדן...

טאָ זייט נישט היפער גרויס
און גיסט נישט אויס,
דעם קראפטיקן יידיש־וויין,
נאָר העלפט אויפסניי
אָנפילן דאָס כוס,
מיט יידיש־זיין...
וואָס פינקלט אין יעדן ווינקל,
נאָך שענער ווי שיין.
באַגייט נישט קיין פאַרשוועך,

קעגן יידיש־לשונדיקן אות
און דאָס יידישע הויז
נישט צעברעכט...
העלפט דאָס מאַכן, ווידער גאַנץ,
איר זאָלט קאָנען זאָגן
בקול רם:
„ידנו לא שפכו את הדם"...

לאָזט דעם יידיש־גאָרטן בליען,
מיט דער וואונדערלעכער פלאַנץ;
גיט צו אייערע מיען,

יידיש זאָל צוריק קריגן
דעם יידיש־גלאַנץ,
מיט זיין יידישן־ניגון...

צו אונדזערע טייערע,
עבריתישע ברידער,
ווילט איר זיין צעפרידן?
מיידט אויס די עברה,
פונעם קידער־ווידער...
מיט אייגענע יידן!

❀

זאָג מיר ברודער...

זאָג מיר ברודער,
ווילסטו טאַקע באמת,
אַז רעדן זאָל איך בלויז
בלשון סידור,

ביזטו דאָך שוין ווי „יענער“,
כאַפּסט דעם רמז ?
„ער“, זאָגט דאָך אויך אַזוי,
אַז מען דאַרף נישט קיין יידיש
און קיין יידישע לידער...
נאָר דיין לשון איז שענער ?
וואָלסט געמעגט וויסן,
אַז נאָר אין יידיש,
האָבן מיינע לידער,
דעם אמת'ן יידישן טעם.

ס'דאַרף דיך נישט פאַרדריסן,
אַז איך האָב גראָד ווי דו,
אויך לשון קודש
און איך האָב אפילו
אַ לייטיש לשון חול...
אָבער דו, (ס'זאָל נאָר נישט זיין די שעה)
ווילסט מיר אַרויסרייסן
ס'יידישע וואָרט פון מויל,
מיין יידישן ביסן,
פע ! גאָרנישט שיין !

באשר, בכן.
כ'בין דיר משיג גבול ?
האָסט נישט קיין פרנסה,
פון דער עבריתישער „פען“
און איך האָבן דען יאָ ?

נאָר צו אַזאַ מין „שפּיל“,
דאַרף מען אַ „לב“ פון אַ „גאָ“...
וצדקתך !
נישט דו האָלטסט פון תפילה,
נישט דו האָלטס פון שבת,
אָדער ראש חודש,
האָסט דאָך נישט קיין יידיש קול
און אויף מיר וואַרפסטו אַרויף,
כ'זאָל דיר העלפן שלעפּן דיין עול
און דו מיר ?
נאָר אין עברית, איז מען אַ גוטער ייד ? !
ביזט ווייט נישט גערעכט,
אַז יידיש־לשון־קודש
קומט אַרויס פון מיין מויל,
איז דען שלעכט ?
טאָ וואָס בלאָזטו זיך,
ווי אַ „טערקיש“ עוף...
איך ווייס שוין פון לאַנג,
אַז דו ביזט אַ „בעסער“
„ווייסער“ און אַ קענער...
נאָך דעם נאַצי־מעסער,
ווילסטו זיין אַ יידיש־פרעסער ?
און אַריבער קרייען אַלע „הענער“...

יאָ מיין ליבער,
מעגסט דאָס הערן,
(קאָנסט פאַרמאָגן די שענסטע שטערן)
אָבער וואָס שייך יידיש,
ביזטו נאָך ערגער, ווי יענער גוי.,,
אפשר נאָך מיט אַ שמיצל אַריבער
אין יידיש ביסטו אַ חשובער עם־הארץ...
און וואו איז ס'ביסל דרך ארץ ?

פֿאַר דער מאַמען,
וואָס איז אַוועק, מיט די קינדער
אין די פּלאַמען!!!
איז טאַקע גרויס דער חידוש,
וואָס דו מאַכסט זיך צו נאַר,
אַז אַלע דאַרפֿן רעדן מיט דער הברה...
ווייל ייִדיש, רעדט נישט מער
דער צבור...

זיי נישט ווי אַמאָל דער פּריץ,
ס'איז נישט ייִדישלעך שיין,
פֿאַרשוואונדן איז דער אַמאָל,
געדענק! צו אַלע ייִדן געהערט,
ארץ ישראל!
מיר האָבן שוין גענוג געטרערט...

❋

יידיש וואָרט

יידיש וואָרט, מיט אונדז ביסטו געוואָרן באַפרייט !
ווידער וועלן זיך הערן דיינע זילבער־קלאַנגען :
דו, וועסט אונדז העלפן פלעכטן די גאָלדענע קייט,
ס'זאָלן זיך פאַנאַנדערטראָגן יידישע געזאַנגען,

וואָס וועלן אונדז ווי די צארטסטע ווינטלעך גלעטן
און פריידיק שמייכלען ווי זוניקע באַגין־שטראַלן.
אין יידיש וואָרט, ס'איינציקע, וואָס כ'וויל דערבעטן :
מיר זאָלן זיך אויפהויבן און מער שוין נישט פאַלן !

מ'האָט אונדז געוואָלט צוזאַם אומברענגען, יידיש וואָרט,
נאָר מיט דיר צוזאַמען וועלן מיר זיך דערהויבן.
ס'האָט זיך פינסטערער הימל צו ביסלעך אויסגעקלאָרט,
מיט דיר יידיש וואָרט, וועט אויך שטייגן אונדזער גלויבן.

אַ רוח־חיים וועסטו אין אונדז אַריינבלאָזן —
יידיש וועט באַלעבן אונדזער טרוקן געביין !
יידיש וואָרט, ביסט פאַר אונדז ווי טוי פאַר די גראָזן :
דו ביסט דער אַלט לאגלדיקער דערקווינקדיקער ווײַן,

דו ביסט פאַר אונדז ווי אַ ברכה'דיקער רעגן
פאַר אונדזער פון פלאַמען אויסגעטרוקנט פלאַכלאנד !
יידיש וואָרט הערט מען איצט אויף שטעגן און וועגן,
יידיש שטרעקט אויס אַ פריינטלעך שלומדיקע האַנט !

יידישע רייד וועלן אין אונדז אויף ווייטער קלינגען,
אין מדינות און איבער גרענעצן און ימ'ען.
ווידער וועלן מיר קוואַלנדיק שאלנדיק זינגען,
דאָס ליד אין ליבן לשון פון אונדזער מ אַ מ ע ן !

(בייערן-לאַנדסבערג א. לעך, סעפטעמבער 1945)

יידיש־רינגען

מיר זיינען געווען געקלאַמערס,
פאַרשפונען אין גאַלדענער קייט,
עס האָט אונדז דאָס לעבן צעהאַמערט,
דער גורל, געיאָגט און צעשפרייט...
(טאָ לאָמיר די רינגען פאַרשמידן)

מיר ליגן צעשאָטענע רינגען
און ראַנגלען זיך יעדן מעת־לעת,
דעם ניגון אויף ווייטער צו זינגען,
מיר גייען אַנטקעגן דעם נס.
(טאָ לאָמיר די רינגען פאַרשמידן)

פאַר דעם ייד, וואָס יידיש איז יחוס,
מיר זיינען דאָס וואַסער און ווייַן!
געהייליקט איז אונדזער שליחות,
פאַר דורות, וואָס וועלן נאָך זיין...
(טאָ לאָמיר די רינגען פאַרשמידן)

טאָ לאָמיר די רינגען פאַרשמידן,
נישט לאָזן אויף הפקר די קייט
און קודם אַליין זיין די יידן,
וואָס רעדן נאָר יידישע רייד.
(טאָ לאָמיר די רינגען פאַרשמידן)

מיר וועלן די רינגען פאַרשמידן,
פאַרגאַנצן די גאָלדענע קייט
און טראָגן דעם גורל ווי יידן,
עבר און היינט זאָלן ווערן באַנייט!

מיר וועלן די רינגען פאַרשמידן,
פאַרגאַנצן די גאָלדענע קייט
און טראָגן דעם גורל ווי יידן,
עבר און היינט זאָלן ווערן באַנייט!

דער נייער בגד...

יידיש לשון, עפּעס האָסטו זיך אין אַ נייעם בגד אויסגעקליידט,
ס'וועלן דאָך אַלע אויף דיר קוקן, שטוינענדיק פאַרבליפט,
גלויבט מיר אויף מיין יידיש וואָרט, אַז נישט פאַר קיין נחת אָדער פרייד,
אין יעדן וואָרט מיינעם! אין יעדער שורה הייליקע טראָפּנס בלוט טריפט...

מען האָט מיר אַרויסגעריסן די צונג און געלאָזן מיט הוילער קעל
און מיר דאַכט זיך, כ'בין אַ יינגער בוים, מיט בליענדיקן צוויט,
וואָס נעמט זיך צעצוויגן מיט בלעטער צום באַשיינען אונדזער שוועל,
פון וואו אַלע וועלן הערן, דאָס צוריק דערוואַכנדיקע יידיש־ליד.

דאָס יידישע אות איז מיר מער ווי ליב, איז מיר נאָך מער ווי טייער,
איך וואָלט דאָס, ווי מיינע נאָנטסטע, גלידערווייז אויסקושן,
און אַז „זיי", האָבן אונדזערע אומגעבראַכט דורך פייער,
זאָלן מיר חלילה בלייבן אָן אַ צונג, ווי אַ שטומער אָן לשון?

דערפאַר אָט דער בגד, דערפאַר אָט דער טראַכט און נייער הולך...
אין וואָס איך האָב זיך „אויסגעצירט", ווייל כ'האָב דעם אַלטן נישט געפונען,
יידישן שטאָם, ווי יידיש אות, האָט פאַרשלונגען היטלער־מולך,
דעריבער דער דערוויילעקער בגד, פאַר די, וואָס זיינען אַנטרונען...

צום איבערשיקן אַ לעבעדיקן גרוס אין ברייטער וועלט,
דעם פאַרפלאָנטערטן קנוף פאַנאַנדערצעבינדן און פאַנאַנדערפלעכטן,
ס'האָט אונדז דאָס שטאַמלען גענוג שוין געקוועלט,
אומהיימלעך איז דער היינט און בלוטיק אונדזער נעכטן...

ווידער איז אויפגעשטאַנען תחית המתים אונדזער אומה,
וואָס וועט הילכיק שאַלן אינעם פרייהייט־שופר,
און לאָזן הערן די אין צוים געהאַלטענע, פאַרפייניקטע שטימע,
אַז יידיש פאָלק לעבט און באַנייט זיך, ווי דער פעניקס, אַנאויפהער...

(בייערן-לאַנדסבערג, ביים לעך, דעצעמבער 1945)

„דער נייער בגד" איז געווען געדרוקט מיט לאַטיין-שריפט... ווייל ס'איז נישט געווען קיין יידישע אותיות...

ייִדיש דאַרפֿסט באַשיצער !

אָ, מיין פֿאַרשעמט ייִדיש !
ווען דו וואָלסט געווען רייך,
אַזוי גרעפּיש, פּריציש...
ד'וואָלסט ביי זיי געווען גלייך...

ז'וואָלטן זיך פֿאַר דיר געבויגן,
ווי אַמאָל פֿאַר די הערן,
דו האָסט זיי דערצויגן
און זיי, ווילן דיך פֿאַרצערן...

ווי ס'האָבן דיך די שונאים
אין ד'אַמאָליקע יאָרן...
ס'פֿאַרשעמען דיין פּנים,
ייִדישע מיניסטאָרן.

מיר, טראָגן שטאָלץ ס'זעלבע אות,
ס'איז אויך אונדזער ירושה,
זאָגט, פֿאַרוואָס טוט איר דאָס ?
אָנצ'טאָן ייִדיש בושה ?

אונדזערס, וו'אייערס איז ס'לאַנד
נאָכן זעקס מיליאָניקן מת...
געדענקט ! אַז נאָכן פֿאָלקס־בראַנד,
איז געקומען דער נס...!

אָ, ייִדיש ווערסט פֿאַרשעמט,
דורך די מאַכט באַזיצער !
פֿון ברידער ביסט פֿאַרקלעמט,
ייִדיש ! דאַרפֿסט באַשיצער !

מיט דיר כ'בלייב אַ ייִד !

אָ מיין טייער מאַמע־לשון,
כ'בין נאָך אַלץ אין דיר פֿאַרליבט,
יאָ, איך וואָלט דיך גערן קושן,
דו לאָזט מיך נישט ווערן באַטריבט.

אין מיין לעצטן פּלאַמיקן־גאַנג,
האָסטו מאַמעדיק גערעדט,
דיינע רייד האָבן, ווי געזאַנג,
מיך מאַמעדיק צאַרט געגלעט...

דו האָסט געשטראַלט מיט בטחון.
נישט דערלאָזט פֿאַלן מיין געמיט,
האָסט געהאָלפֿן אַ טרייסט זוכן
און געשטאַרקט מיך מיט דיין ליד.

נאָר מיט דיר איך שעפּ אויסדויער,
וו'אַ קוואַל דערפֿרישט מיך דיין אות,
דו העלפֿסט פֿאַרזינגען מיין טרויער,
פֿאַר דיר מאַמע, כ'הויב מיין כוס !

ייִדיש לשון ביסט מיר טייער,
נישט ווייניקער ווי עברית,
מיט מיר געווען ביסט אין פֿייער !
און מיט דיר, איך בלייב אַ ייִד !

❀

מאַמע יידיש . . .

מאַמע יידיש ווישט אויס אַ טרער,
ביז כ'האָב אייך דערכאַוועט, אוי, שווער,
אַ טרער, וואָס איז פריידיק באַצערט,
דורות, האָב איך אויף דעם געוואַרט...

האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַ בראַנד
און פאַרצוקט דאָס לייב מיטן העמד...
מיין איינציקע טרייסט, יידיש לאַנד,
נאָר כ'וויין, ווי כ'וואָלט געווען אין פרעמד.

אָ, וויפל לידער כ'האָב געזונגען
אין יידיש, צו דיר, יונג ישראל,
כ'דאַרף אָטעמען מיטביידע לונגען,
ס'זאָל שטאַרק און שיין קלינגען מיין קול.

אויב מיר איז נאָך נחת באַשערט,
דאַרפסטו מיך נישט לבן'דיק קושן,
איך וויל, דורך דיין צונג ווערן דערהערט,
און דו, רעד צו מיר יידיש לשון...

❀

יידישע רייד

מען האָט מיך באַרויבט,
פון יידישע רייד,
ליגט ערגעץ צעשטויבט
מיין יידישע פרייד...

אָ, דערלאָזט מיין וואָרט
צענעמען די פליגל,
אַז נישט אויף יעדן אָרט,
זאָל מען לייגן אַ זיגל...

וואָס שטערט מיר אין פלי,
צום שיינעם דערהויב,
כ'האָף אויפגיין מיט בלי
און נאָך מער איך גלויב :

אין יידיש געזאַנג
וועט מען דערהערן,
פון דורות דעם גאַנג,
אונטער די שטערן.

מען האָט מיך באַרויבט,
פון יידישע פרייד,
אָ, זייט נישט פאַרטויבט
צו יידישע רייד...

❀

פאַרשלינגער...

אָ, ווי זיי גרייטן זיך אַלע,
מיך שפּראַכלעך צו פאַרשלינגען,
יעדער גיט אַן זיין מעלה,
פאַרוואָס כ'זאָל זיין שפּראַך זינגען:
אויב איך וועל זיין שפּראַך זינגען,
וועט די וועלט מיט מיר קלינגען...

כ'פיל זיך צעטומעלט. פאַרלוירען,
צווישן אַזויפיל פאַרשלינגער,
פון פריידן און טרויערן
אין יידיש, כ'בין אַ זינגער.
ס'לשון איז מיין פון געבוירן,
כ'בין אַ יידישער זינגער.

באַנייער, „וועלט באַפרייער" !
קעמפער פאַר „יושר און רעכט"...
איר, ברענט מיין שפּראַך אַן פייער,
מיין צונג, אַן מעסער איר שעכט.
פרייהייט איז ביי אייך טייער...
ד'שפּראַך פון „הער", מוז רעדן דער קנעכט.

זעט, ווי זיי אַלע זיך גרייטן,
מיך שפּראַכלעך צו פאַרשלינגען,
מיט וואָרט, כ'וועל רייסן די קייטן,
יידיש כ'וועל ווייטער זינגען.
איך וועל יידיש נישט פאַרבייטן,
ווי ס'ווילן די „גוטע" יינגען...

צו די באַווײַנער...

ז׳האָבן מײַן ברודער נעבעך געברענט,
לאָזט מיך מציל זײַן כאָטש זײַן לשון.
דאָס „ראַטעווען" איז אין מיר געווענדט,
איידער יידיש ווערט אויסגעלאָשן...

איך וועל יידיש איידל איבערגיסן,
אין עברית׳שע כלים נײַע.
כ׳וועל מיט שבחים יידיש פאַרזיסן,
דאָס וועט פאַר יידיש זײַן אַ מחיה...

יידיש אין דער נײַער הלבשה,
וועט ווערן חשיבותדיק דערהויבן.
אין יידיש וועט אַרײַן אַ קדושה,
אַלע וועלן יידיש תהלימדיק לויבן...

איך וועל יידיש חנעוודיק אויסצירן,
ב׳מילא וועט יידיש ווערן קלאַסיק.
אייביקייט וועט יידיש באַלזאַמירן,
העלפט מיר, ברידערלעך, אין דעם עסק...

ברודערל, מוחל אַזעלכע שידוכים,
גיב זיך נישט פאַר יידיש אַזאַ מי.
יידיש לעבט און דאַרף ניט קיין תכריכים,
דו צעטרעט נאָר נישט דעם יידיש־בלי...

אויב דו ווילסט אײַנהאַנדלען אַ מצווה,
טאָ העלף בעסער יידיש זאָל שײַנען,
ניט דאַרפן לעבן אויף דײַן קיצבה.
דו, הער אויף יידיש צו באַווײַנען...

יידיש וועט אייביקן

יידיש־עברית איז דער חן,
פון אונדזערע צוויי שפּראַכן,
דאָס פאָלק — אַ ים — נעמט אַרײַן
אין זיך ביידע קלאָרע טײַכן.

זיי שטראָמען זילבערדיק העל,
דערפרישן אונדז, ווי קוואַלן,
באַזוניקן אונדזער שוועל
מיט וואַרעם צאַרטע שטראַלן.

באַשענקען אונדז מיט בטחון,
מ׳זאָל זיך צוזאַמען האַלטן,
בשותפות טראָגן די יאָכן,
מ׳זאָל זיך קיינמאָל נישט שפּאַלטן,

נאָר היטן ד׳גאַנצקייט פון שטאַם.
דעם המשך ווייטער שפּונען,
ווער וועט וואַגן, יידיש־פלאַם
פאַרלעשן, מיט קראַנקער שנאה ?

דעם ירושה־אוצר שענדן,
ר׳זאָל חלילה פאַרשוואונדן,
ס׳האָבן די יידיש־לענדן,
געהאָלפן דאָס לאַנד, „ענטבונדן"...

געכאָוועט דורותדיקן גאַנג,
מיט אַ חלום אַ גלייביקן,
אין ווײַ, ווי אין פרייד־געזאַנג,
וועט יידיש מיט אונדז אייביקן...

צו יידיש לשון

פראָסט, פשוט יידיש וואָרט,
ווען איך קוק אַריין
אין דיין אינגעווייד,
אין דיינע וואָרצלדיקע טיפן
און דערזע, וואו דו ביסט געפּארט
מיט גוטקייט, שכל און חן,
נעמט אַ לויטערקייט טריפן,
ס'באַוועלטיקט מיך אַ פרייד,
ס'פאַרשיכורט מיך דיין ווייַן.

פון דיינע ווערטער־פריידן,
וואָס זיינען פיל אין צאָל,
גייט אין מיר אויף אַ העל
שטראלנדיק פייער,
קלאָר ווערן אַלע באַשיידן,
וואָס וואַרעמען און באַלויכטן,
מיט קאָליריקע פלאַמען.

דער היינט און דער אַמאָל
ווערן מיר טייער,
ווי כ'וואָלט באַטראָטן די שוועל
אין דער היים, ביי דער מאַמען.

יידיש, איך וועל מיך גערן
פון דיר לאָזן פירן,
פאַר דער האַנט,
אין דיינע לאבירינטן,
האָסטו מיך דערפירט
צום אויפשיין פון די שטערן,
צום יידיש־וואונדער־לאַנד...

טאָ, צעעפן די טירן
דיינע, פאַר מיר ברייטער
און יידיש וועט אויפגיין,
מיט איר זונען־שיין,
ווי אויף פעלד צעגרינטן,
ווי דער חלום אויפן לייטער...

פיר מיך, זיי ביי מיין זייט,
כ'זאָל נישט געשטרויכלט ווערן
מיט פוסטע, הוילע רייד,
וואָס פאַרווייען מיט די ווינטן
און ווינטן, גיבן זיי ס'באַגלייט...

❀

יידישע יידן!

דייטשן פלעגן אונדז
פייערדיק קאָנסומירן...
און ישראל ? וויל אונדז
„ליבלעך" קאָנסערווירן...

און מיר יידישע יידן,
לאָזן זיך אַזוי פירן,
דווקא, אין ישראל,
דאַרפן מיר פּראָטעסטירן !

אַז מען זאָל יידיש,
חלילה, באַלזאמירן,
יידיש געהאַמערט גאָלד,
וועט צ'אחדות דערפירן.

יידיש איבער ד'וועלט,
איז דער הויפּט מחותן,
וואָס האָט מיט עברית
אַ בונד פאַרשניטן...

יידיש און עברית
דאַרפן נישט קיין דריטן,
דורך אַזאַ פרעמדקייט,
וועלן מיר ווערן צעשניטן.

זעט אַז די חרפה,
זאָל ווערן אויסגעמיטן,
יידיש איז אַ יחסן,
וו'ענגליש ביי די בריטן...

מ'איז שוין אויף יידיש
אָנגעפאַלן ביז בלוטן...
צעטראָטעוועט נישט
ד'נייע יידיש־בליטן...

וואָס האָבן איינגעזאַמלט,
ד'יידישע פאָלקס־זיטן...
זייט געוואָרנט, געדענקט,
העלפט ! יידיש אָפּהיטן !

יידיש זאָל אויפגיין,
אויפסנייַ זיך צעצוויטן,
מ'זאָל נישט דערמאָנען,
יידיש האָט דורך אייך געליטן...

מיר וועלן נישט דערלאָזן,
אַז מ'זאָל יידיש בלאַמירן,
ווער סע איז נאָר אַ ייד,
וועט זיך אין יידיש צירן...

❋

פאַרוואָס ?

רייסט איר אויס אונדזער יידיש וואָרט,
דאָס יידישע וואָרט פונעם מויל,
דאָס איז גראָד ווי באַגיין אַ מאָרד,
ס'וועט אונדז אומברענגען אָן אַ קויל...

איז אייך דערווידער ס'יידיש־קול ?
ווייל איר זענט ס'איבערשטע פון שטויסל?
אייער חזיון איז צו שמאָל,
פאַר יידיש, וויינט אויך דער כותל...

האָט איר דעם קרבן־יידיש פיינט ?
ד'קינדער זאָלן יידיש נישט לערנען ?
יידיש ווערט וו'אַ פרעמדע פאַרנייגט !
אויף וועלכן פאָלק פריער צערענען ?

אַ איר מנהיגים פון כנסת,
צי זענט איר אַלע געוואָרן טויב ?
יידיש דאַרף ביי אייך בעטן חסד ?
אויף אונדזער בלוט און אַשן־שטויב,

האָט די מדינה זיך אויפגעבויט !
צו שאַפן קעגן יידיש געזעצן ,
צי ווערט איר נישט פון בושה רויט?
אַזוי נישטיק, ד'מאַמע צו שעצן ?

ווייניק אייך דער גרויסער חורבן ?
וואָס האָט אונדז אויסגעראָט כמעט,
ווילט איר יידיש זאָל ווערן געשטאָרבן ?
וועמען ווילט איר געבן שאַך־מאַט...

פאַרוואַרפט די נאַרישע שינאה
צווישן מאַמע יידיש און עברית,
פאַר אַלע יידן איז די מדינה,
צעברעכט ס'מעסער פון עקדה שניט...

אדרבה, שיקט צו דעם שמש,
וואָס היט די מערת המכפלה,
צו פרעגן, וועגן עברית ביי ד'מאַמעס,
צי יידיש האָט ד'זעלבע מעלה...

ס'וועט דאָך זיין ס'גרעסטע געלעכטער,
מ'זאָל אַזוינס פרעגן, וועגן ד'קינדער !
גראַטעוועטע פון שעכטער,
בכדי, צ'קאָנען זיין באַזונדער ?

און נאָך אויסבויען אַ מחיצה,
צווישן די קינדער אין יעדן לאַנד ?
וועלכער פריץ אָדער פריצה,
האָט באַשלאָסן, יידיש איז אַ שאַנד...

מיר האָבן איצטער לשונות צוויי,
אַזוי ווי מיר האָבן צוויי לוחות,
מיר בלייבן דעם גאַנצן פאָלק טריי !
צעברעכט נישט ס'פאָלק אויף חתיכות...

וואָרצלט נישט אויס אונדזער יידיש וואָרי
דאָס לשון פונעם קרבנ'ס מויל,
באַגייט נישט חלילה קיין מאָרד,
אפילו אָן אַ פייער קויל...

אין די יידישע קינדער, זכור !
וואָס דייטשן פלעגן ברענען, שעכטן !
לערנט יידיש מיט דעם יונגען דור
און יידיש, וועט באַלעבן דעם נעכטן...

צו ישראלס ניי־ווידערגעבורט,
נאָך דעם אומקום פון זעקס מיליאָן...
דאַרף ישראל העלפן, ס'יידישע וואָרט,
זאָל אויפלעבן, אונטער ישראלס פאָן !

ייד !
(יידיש)

אין וואַרט ייד, מיט צוויי יידן,
קוקט באַהאַלטענער סימבאָל,
כסדר מ׳וויל אונדז אָנטיידן,
רופן מיר אויפ׳ן קול: שמע ישראל !

איבער דער וועלט יידן דערהערן,
אַז ד׳ברידער זענען אין קלעם,
ווישן זיי אָפּ די טרערן
און זען אין ייד וויינט דער שם...

וואָס גייט אומעטום מיטן ייד,
אין דער פריי און אונטער צאָם,
ר׳זאָל דערוואַכן פונעם שניט
און ר׳זאָל אויפגיין פונעם פלאַם...

גייט ער אויף פריערדיקן גאַנג,
וואָס איז געוואָרן איבעררימן,
באַנייט ווערט יידיש געזאַנג,
וואָס דערמאָנט אין חודש ניסן...

אַזוי באַגלייט אונדז ליד־ייד,
דורכן לויף פון די דורות,
איינגעקריצט אינעם געמיט,
ליכטיקייט אַלץ אויף ווי מנורות,

און אונדזער גאַנג ווערט באַהעלט,
וואָס פירט אונדז קריק צום שורש,
אויפגעשלאָגן ווערט ניי געצעלט,
וו׳אין ד׳טעג פון מלך כורש...

אין וואָרט ייד, מיט צוויי יידן,
קוקט אַ סימבאָל באַהאַלטן,
כסדר מ׳וויל אונדז אָנטיידן,
נאָר מיר גייען, דורך ים־שפּאַלטן...

יידיש !

דיר איז „וואויל“ ווי די וועלט !
אַן אייגענע מדינה !
נאָר דיר איז אַ חידוש,
הלמאי אַזאַ מין קעלט
און אַ שאַרפער שנאה,
צו דער מאַמע יידיש ?

ווייל, ז׳האָט אַריינגעלייגט,
מיט איר אשיקן־בראַנד,
דעם מיליאָנען־בלוט־נדן...
נאָר ד׳שנאה אַלץ פאַרשווייגט !
גרויס דער ווייטאָק און ד׳שאַנד,
ווי ס׳וואָלט ג׳ווען אַן איוואַן...

ס׳איז דיר „וואויל“ ווי די וועלט
אין ד׳אייגענע מדינה...
מ׳איז מיט דיר ! ידיד׳איש !
כ׳פיל אַזוי שאַרף די קעלט,
וו׳פון אַ פרעמדער מדינה,
וואָס האָסט ד׳מאַמע יידיש !

יחסנים ?

יחסנים ? אָדער אח־שונאים ?
ווילט איר, מיר זאָלן נאָך מער זינקען ?
מיר זיינען די גלות־קונים...
פאַרלעשט נישט, די יידיש־פונקען !

איר דאַרפט וויסן, מ׳טאָר ניט זיין פאַריסן
האָט אין זין דעם מ׳חוץ־לארץ־ייד...
פאַר אַזאַ חטא, ווערט מען געשמיסן,
פאַר צעשיידן, יידיש פון עברית...

פון יידיש און עברית צוזאַם,
וועט ביי אונדז העל און ליכטיק זיין,
פון די בשותפותדיקע שטראַלן...

געשטאַרקט וועט ווערן אונדזער שטאַם,
מיר וועלן זיך ערשט ריכטיק פאַרשטיין,
אין די לשונות וועט ס׳געזאַנג שאַלן...

❀

דער מאַמעס ווילן

יידיש, האָסט פיל באַמי׳ער,
גרייט צו הערן, יידיש זינגער,
נאָר זיי, וועלן נישט טאָן קיין ריר,
מיט זייער קלענסטן פינגער...

און פאָדערן רעכט פאַר יידיש,
אויף אונדזער שטאַטישן־,,סטעישן״,
ציטערט נישט, ס׳איז יורידיש,
ס׳איז נישט ,,ד׳יונייטעד־ניישן״...

וואו בלויז מיר, האָבן קיין דעה,
און זיי, האָבן צופיל ,,רעכט״...
מיט הילף, פון אונדזער מאה...
צי זיינען מיר נאָך אַלץ קנעכט ?

וואָס דאַרפן ציען דעם הוט
און פאַרן פריץ זיך בייגן...
ווייזט אַרויס אַ ביסל מוט,
הערט אויף ,,גענעדיק״ שווייגן !

און ווערט די יידיש־היילער
און לאָזט נישט יידיש ,,פאַרשטילן״...
עפנט דרייסט אייערע מיילער !
געדענקט ! ד׳מאַמעס יידיש־ווילן !

❀

יידיש־עברית

יידיש, גראַד, ווי עברית,
איבער דער וועלט גייען,
ס'פאַרשטייט זיך ייד מיט ייד,
וואָס קאָנען זיך פרייען...

אויף די לשונותביידע,
איבער דער גאַנצער ערד,
מיר, און באַבע זיידע,
האָבן אַ לעבן געטרערט,

אַז יידן זאָלן ווערן פריי,
כאָטש אויף אייגענער ערד...
קומט עברית מיט געשריי :
יידיש ? ! טאָר נישט ווערן ג'הערט !

זאָגן מיר בקול רם,
זאָל ד'גאַנצע עדה הערן !
— די וואָס מאַכן אַ פּאָגראָם...
זיי, ווילן יידיש צעשטערן...

עברית, ווי יידיש גראַד,
שפּאַנען איבער דער וועלט,
זאָלן שונאים ווערן צו שפּאָט,
ווייל יידיש אונדז געפעלט...

❀

מיט די אותיות פון עברית

מיט די אותיות פון עברית,
האָבן מיר באַשאַפן די יידיש־שפּראַך,
מיט חדוש האָט יידיש געבליט,
יידישלעך האָבן מיר געלערנט תנ"ך.

דייטשן, האָבן יידיש־ריידער פאַרשניטן,
מיט זייערע גופים צוזאַמען,
דאַרף עברית העלפן, יידיש אָפּהיטן,
פון די שינאהדיקע פלאַמען...

אַז יידיש זאָל זיך באַנייען,
ווי ס'האָט זיך באַנייט יידיש־לאַנד,
יידיש־עברית דאַרף מען זייען,
מיט אַ צאַרט ברודערלעכער האַנט,

להכעיס די אַלע פאַרצוימער,
וואָס צעטרעטן יידיש מיטן פוס...
מיר וועלן ווערן פּרוכטיקע בוימער
און גרויס וועט זיין דעם פאָלקס גענוס...

מיט יידיש אות פונעם עברית,
וואָס האָט אונדז צוזאַם דערהאַלטן...
יידיש האָט אויסגעלערנט יעדן ייד,
אַז מען זאָל דאָס פאָלק קיינמאָל שפּאַלטן!

❀

צו אייך ...

צו אייך ! טאַטעס ! מאַמעס ! קינדער !
פירט נישט אויס דעם ווילן פון היטלער !
„זיי״, האָבן אונדז געקוילעט. ווי רינדער,
איצט, זיינען מיר די פאַרמיטלער...

און „העלפן״, יידיש פאָלק אָפּמעקן,
מ'זאָל מער נישט הערן קיין יידיש וואָרט...
צו אונדז רעדן איצטער, די בלוט־פלעקן :
נישט לערנען יידיש : מיינט פאָלקס־מאָרד !

דאָס וועט די „נאַציס״ דערפרייען...
צום באַנייען זייער נאַצי־ליד...
איר אַנטלויפט פון יידיש־ווייען,
פאַר יעדע פרעמדע שפּראַך איר קניט...

אַלע פעלקער לערנען שפּראַכן,
וועלן זיי פאַרוואַרפן, ד'אייגענע שפּראַך ?
איך ווייס נישט צי מ'דאַרף פון אייך לאַכן ?
נאָר ס'קומט אייך זיכער נישט קיין שבח...

ברידער ! איר זייט נעבעך זער שוואַך,
פרעמדע שפּראַכן, ווערן אייך באַלד נאָענט...
יידיש ? פטרט איר מיט אַ האַנט מאַך...
מיר ווערן דאַך אומעטום דערקאָנט...

טאָ טראָגט נישט קיין טאָפּלט מאַסקע...
געדענקט גוט, זייט דאָס, וואָס איר זענט,
פאַרגעסט נישט די חורבן פיאַסקאָ...
„זיי״ האָבן אונדז אַלע גלייך פאַרלענדט.

צו אייך קינדער ! טאַטעס ! מאַמעס !
פירט נישט אויס דעם „נאַצישן״ פסק !
לערנט יידיש ! להכעיס די כאמעס !
שטעלט נישט אונטער די צווייטע באַק...

מזל טוב !...

מזל טוב אייך, ישראל קינדער !
עברית־אַראַביש מ׳וועט לערנען,
סע וועט „וואַקסן״, דער באַזונדער...
יידיש ? הערט אונדז אויף דערצערענען !

בלויז ד׳ברידער וויל מען פאַרצאַמען...
זיי, זאָלן קיין יידיש נישט ריידן,
און פאַר דער יידישער מאַמען ?
וועט אַן עברית־מחיצה, זי שיידן...

איז מה נאמר ומה נדבר ?
וועגן יידיש ! כסדר מיר זיך קריגן...
אָבער ישמאלים, אַראַבער,
האָט מען אונטערגעטראָגן די זיגן...

איך שעם זיך אין שפיגל צו קוקן,
ווייל ס׳פּנים פלאַמט מיר פון בושה,
זיי, האָבן באַפוילן, ד׳מאַמע פאַרשיקן...
זי, זאָל ווערן אַן אַלטע גרושה...

די קינדער ? זיינען צו איר פרעמד
און זיי, ווילן פון איר מער נישט וויסן,
נישט זיי זיינען פון דעם פאַרשעמט,
זיי, האָבן אויך פאַרלוירן ס׳געוויסן...

איר זענט טאַקע מלוכה׳איש גרויס,
אין חוץ לארץ, ווערט איר קלענער...
צעשטערט נישט אונדזער שותפות־הויז
און צעשפּאַלט דאָס נישט אויף שפּענער...

מיט יידן זיין צוזאַם אין דער וועלט,
איז פאַר אונדז יידן, לעבנס וויכטיק,
ניצט אויך פאַר יידיש, אונדזער געלט...
וועט פון טונקלקייט, ווערן ליכטיק...

מזל טוב אייך, ישראל קינדער,
עברית און יידיש מ׳וועט לערנען,
גיכער, שאַפט אָפּ דעם „באַזונדער״...
וועט ד׳מאַמע, נישט דאַרפן צערענען...

לייג אויף ייִדיש דיין זיגל...

הערט שוין אויף פּאַר אונדז צו מאָלן,
סתם אומזיסטע הוילע רייד,
לערנט אויך ייִדיש אין אייערע שולן
און צעפּטרט נישט קיין צייט...

סע ווערט אַלץ קלענער די צאָל,
וועלכע קענען אַ ייִדיש־אות,
נישט נאָר אינעם לאַנד ישראל,
ווערט אַלץ גרעסער דער כאַאָס...

פֿאַרשעמט געוואָרן איז דער ייִד,
דורכן „זאַגעלע״: ס׳גרילצט דער זשאַרגאָן...
און ס׳איז געוואָרן אַ „סאַברע״ ליד,
וואו ס׳הילכט שאַרף דער שטאָלצער טאָן...

הערט אויף צו שפּילן די יחסנים,
קעגן אייגן ברידערלעכע ייִדן...
מיר דאַרפֿן קריגן אַן אַנדער פּנים,
אַז פֿאַרשווינדן זאָל דער אומצעפרידן...

ישראל וויל מיר זאָלן דערוואַכן
און טאַקע אויך קענען עברית,
ייִדיש ? — איך לערן נאָר וועלט שפּראַכן !
— איך בין ישראלי ! נישט קיין ייִד !

געדענקט ! ס׳איז דאָ אַן אַרום...
מיר דאַרפֿן ייִדיש צווישן זיך,
אַן ייִדיש, בלייבן מיר שטום,
ישראל זאָג ! אַ ברודער בין איך ?

הערט אויף צו דבר׳ן כסדר,
די אַרויסגעוואָרפענע רייד,
מיר דאַרפֿן אַ ייִדיש־עברית־חדר,
נעמט אַראָפּ פון ייִדיש די קייט...

טאָ לייג אויף ייִדיש דיין זיגל
און זיי צו דער מאַמען געטריי...
מיר וועלן צענעמען די פליגל
און צוזאַמען זיך פילן פריי...

איך פּאָר !

איך פּאָר, ווי אַ ייִד,
אין מיין ייִדיש לאַנד,
נאָר ווער וועט מיין ליד,
דערלאַנגען אַ האַנט ?

מיך ייִדישלעך גרוסן,
וו׳אַ ברודער אַ גוטן,
מיר זאָגן : דו זאָלסט וויסן,
ביזט וו׳איך, אַ מחותן...

מען האָט אונדז געפלאָגט,
אַלעמען צוגלייך,
כ׳גלייב, ס׳האָט אויפגעטאָגט !
הער ! סרוישט אונדזער טייך...

און די וועלן זינגען,
אַ נייעם ניגון...
ר׳וועט אַרויסקלינגען,
פון קינדישע וויגן...

איך פּאָר, ווי אַ ייִד,
אין מיין ייִדיש לאַנד,
הער מיין האַרצנס ליד,
טאָ דערלאַנג דיין האַנט...

❀

יידן!

הערט יידן! מיר דאַרפן האָבן אַ ממשלה!
און טאַקע אויך מיט אַמבאַסאַדאָרן,
ווען מיר לערנען יידיש אין שולע,
זאָל קיינער אויף אונדז נישט טראָגן קיין צאָרן...

אמת, מיר וועלן אויך לערנען עברית,
בכדי, איינער זאָל פאַרשטיין דעם צווייטן,
אַ ישראלי, וועט רעדן מיט אַ ייד
און זיך גריסן, מיט שלום! ווי ביי לייטן...

ווייל די אותיות, די זעלבע זיינען,
הגם פון פאַרשידענע מקורות...
דאָס וועט זיין דער קשר, צום פאַראייננען,
אונדזערע בשותפותדיקע תורות...

וואָס פאַרמאָגן אַ רעכטס און אַ לינקס,
און נעמט אַריין אַלץ, וואָס אַלט און יונג,
מיר זיינען דער דורותדיקער ספינקס...
וואָס אויף אַלע לשונות רעדט זיין צונג...

איבער דער ברייט און לענג פון דער וועלט,
איז זיין מאמעדיק לשון יידיש...
אויפשפּראָצן וועט אויפסניי, יידיש־פעלד,
מיט עברית צוזאַם, ווי אַ חידוש...

הערט יידן! מיר דאַרפן האָבן אַ ממשלה,
אַז מיר זאָלן די וויכוחים פאַרשפּאָרן,
יידיש־עברית לערנען אין שולע,
דאָס וועט אונדז געבן שלומדיקע יאָרן...

צום דרייסיקסטן מלוכה־טאָג!

צום דרייסיקסטן יאָר!
פון באַנייטער מדינה,
אַדאָפּטיר —
יידיש לשון!
מאַך קלאָר און וואָר:
גענוג די שינאה
צו יידיש לשון!
פאַר אַלעמען פּראָקלאַמיר:
יידיש און עברית
זיינען כורת ברית!
יידיש האָט פאַרן לאַנד,
געגעבן מער, ווי איר האַנט,
טאָ דערלאַנג אַ האַנט
צום יידיש הינטער־לאַנד...
און וויש אָפּ די שאַנד!

אַ ייד מיט אַ ייד,
אין לשונותביידע
איז אַ גאַנצע עדה,
אויפן וועלט יאַריד...

זאָגט אויפן קול . . .

ווילט איר, ביי יידיש, ס'לעבן נעמען ?
מיט עברית, יידיש „נאפטילירן ?"
אַ טייל יידן וועט איר פאַרשעמען
און טייל „העלפן": אַסימילירן...

טאָ העלפט בעסער צו, אַז יידיש,
זאָל אויפסניי אָנהייבן פולסירן...
זייט נאָר נישט קעגן יידיש, מרד'יש,
וועלן יידן, יידישן און עברית'ירן...

נישט שיין, צו זיין עקשנים סתם,
וואָס טוען אַלץ אויף להכעיס,
בכדי, ס'זאָל אויסוואַקסן אַ מחיצה...

צווישן דעם יידיש־עברית'שן־שטאָם !
בעסער העלפט צו, ברענגען ברכות !
זאָגט אויפן קול : מיר זיינען מרוצה !...

אונדזער יידיש

ווען וועט זיך שליסן שינאהדיקער קרייז,
פון די בלבולים פאַרשפרייטער: יוד'אש...
ס'נידעריקסטע האָט דערגרייכט זייער בייז,
ז'האָבן פון אונדז געמאַכט אַש, יידישע אַש...

איבער וועלט פול מיט גיפטיקער שינאה,
האָבן מיר, מיט קרבנדיקער יידישער אַש,
אויסגעפלאַסטערט, דעם וועג צו דער מדינה,
צו דעם לאַנד ישראל, פון חלב ודבש...

טויזנטער יאָר, יידיש לעבן ג'ווען סכנה'יק,
מיר זיינען נאָכן פלאַם, געבליבן דאָס אַש...
נאָר געשען איז פאַר אונדז גרעסער חידוש !

אונדזער איז דאָס לאַנד פון מילך און האָניק,
דער נעכטן וויינט מיט: יתגדל ויתקדש,
טאָ דערפירט נישט צו אַש, אונדזער יידיש !

דער „יחסן" משה דוד!

משה דוד, זאָג וואָס טוט דיר וויי?
זאָג מיר, פאַרוואָס ד'ביסט אַזוי אין כעס?
אָ, דו ביסט אַ ישראלי, כ'פאַרשטיי,
דיך רופעט, דאָס יידיש־חולאת...

קאָנסט נישט פאַרליידן קיין יידישן ניגון,
ביים פרעזידענט און דער פרעמיערין...
„זיי", האָבן פאַרברענט ד'קינדער מיט די וויגן...
און דו ווילסט פאַרלעשן די יידיש־שטערן?

רב יחסן משה דוד, ד'מעגסט וויסן,
אפילו צווישן די עברית פאָעטן,
ביסטו היפער חוצפהדיק פאַריסן,
טאָ גיב נישט קיין עצות אומגעבעטן,

אַז ד'פרעמיערין, דאַרף איר עברית שלייפן,
כדי דו זאָלסט הנאה האָבן פון איר צונג...
יחסן משה דוד, דו דאַרפסט ערשט רייפן,
דערווייל ביסטו נאָך אַ גראָבער יונג!

משה דוד, ווען וועסטו ווערן פריי?
פון דיין יחסניש איינגערעדטער קרענק,
וואַרף נישט אויף די יידיש־יידן דיין שפיי,
טאָ פאַרגעס נישט און געדענק. געדענק!

געדענק! דאַרפסט לערנען דרך ארץ
פאַר ד' משה דוד'ס אין חוץ לארץ,
נישט צו דיר אַליין געהערט ס'ארץ,
זיי נישט קיין פאַרשיכורטער פריץ...

דער „יחסן" משה דוד! ווייל דער געוועזענער פרע־זידענט, און די פרעמיערין גאָלדע מאיר, ע"ה, האָבן גערעדט יידיש...

צום נשיא ר' זלמן שזר!

ר'ב זלמן שזר!
מיין בקשה דערהער,
איצטער ביסטו שר,
פון דער מדינה —
ישראל!

העלף צום —
באַפריי,
לאָז נישט בלייבן שטום,
מיין דערשטיקט געשריי...

הויב אויף דיין קול,
שטאַרק, מיט רעש,
לעש די שינאה
צו אונדזער יידיש.

זאָג זיי:
מאַכט נישט צו אַש
יידיש לשון,
וואָס שווייגט,
אין אַש...

חדש, באַניי, באַניי,
דעם אַמאָל
און פאַרקידוש,
אויף דער צונג,
פון אַלט און יונג,
אונדזער לשון יידיש,
אין די טעג!

נעם אַוועק —
אונדזער צער,
פון לשון יידיש!
ר'ב זלמן שזר!

ס'וועט אויפגיין . . .

איר האָט געמאַכט אַ תל
פון אייגענער זריעה,
פון אייגענעם פאַרזיי
און ס'לשון פאַרדאַרבן,
וואָס האָט זיך געגרייט

שפּראָצנדיק אויפגיין...
איצט יאמערט איר און שרייט
און קרעכצט: וויי, וויי,
אונדז איז בלויז געבליבן
אַ שטומע צונג צו ארבן...

דאָס קומט אייך אַנטקעגן
אין יעדער מין תנועה
אין כיכידיקן געלעכטער,
פון די זין און טעכטער,
מיט אַ קלוג זאָגעלע :
מיר נישט קענען פאַרשטיין,
צ'וואָס ברעכן ציין...

ווייל איר האָט געוואָלט,
אַזוי אויף דער שנעל,
פאַר פרעמדע זיך פוצן,
ווי יעדער יאָלד,
מיט אַ געבאָרגטער שיין...

נאָר מ'לאָזט אייך סיי־ווי
נישט אַריבערגיין,
אין דער גוטער הי,
איבער יענער פרעמדער שוועל...

דעם פונק צעפלאַקערט,
מיט אייגענער שיין...
אַקערט און פאַרזייט
און ס'וועט מיט ברכה אויפגיין !

סוחרים . . .

זיין ליבער זיידע,
האָט נאָך געיידישט,
נאָר דער ליבער זון
האָט זיך געחידושט,
— צ'וואָס, טויג מיר יידיש ?

זיין ליב אייניקל,
האָט שוין שאַרף, מריד'יש,
נישט ג'וואָלט זיך צו הערן
צום זיידעס יידיש...
— איך ווייס שוין, יידיש
אַ קבצניש לשון,
מ'קאָן פאַרדינען אַ גראָשן...

לאָמיר זיך נישט נאַרן,
כ'פאַרדין טויזנטער דאָלאַרן,
וואָס איז דער חידוש,
אַז כ'וויל נישט קיין יידיש...

יאָ טייערער זיידע,
פאַרשטיי אַז ביידע
זיינען בלויז מוכרים
און גיריקע סוחרים...

אַ קליינטשיק יינגעלע

איך האָב אַ קליינטשיק יינגעלע,
איז ער גאַרנישט ענלעך צו מיר,
עברית ? יידיש ? גוי׳איש ! רעדט ס׳צינגעלע :
איך וועל דאָך זיין אַן אינזשיניר...
איך וועל פליען אין די הייכן
און דיך לאָזן דאָ אויף דער ערד,
דו קאָנסט זיך נישט צו מיר גלייכן,
דיין שעה, איז קוים דריי טאָלער ווערט...

אָ מיך וועט מען דאָך באַגעלטן,
פאַר יעדערן נייעם אויפטו,
מיך וועט מען נישט, ווי דיך שעלטן
און ווי די „מאַ" נישט געבן קיין רו...
מיך וועט מען טעלעוויזירן !
און איך וועל ווערן אַ „ביג־שאָט",
מיט די סאַמע גרעסטע באַנקירן
מיט זיי וועל איך ווערן „פאַן־בראַט".

מיר וועט מען מאַכן באַנקעטן,
אַ זעקס, זיבן מאָל אין דער וואָך,
איך וועל זיין אין אַלע גאַזעטן !
נו, פאַרשטייט איר שוין איצט מיין בראָך ?
יאָ, כ׳האָב אַ קליינטשיק יינגעלע,
רעדט ער זעלטן יידיש צו מיר,
נאָר גוי׳איש רעדט זיין צינגעלע :
איך גרייט זיך צו ווערן אַ גביר...

גערענקט !

דאָס יידישע וואָרט, נעמט נישט אַוועק,
איר וועט נישט אַלע יידן עברית׳ירן,
זיי וועלן בלויז אַראָפּ פון יידיש־וועג !
איר וועט זיי „העלפן", גרינג אַסימילירן !

פון זעלבן מחבר, איז אין דער ניו־יאָרקער, שטאָט־ביבליאָטעק געפונען געוואָרן זיין בוך „שטאָט אין רויך״, אַרויסגעגעבן דורכ׳ן זשורנאַל „אות״, אין לאָדזש.

●

אין 1975, איז דערשינען זיין בוך „אונטער שטאָלענעם בלוי״ ביים ציקאָ פאַרלאַג, אין ניו־יאָרק.

●

לעצטנס איז אויך דערשינען זיינס אַ פּלאַטע מיט 12 לידער פון 10 קאָמפּאָזיטאָרן.

●

דאָס בוך „יידיש־רינגען״ קאָן מען באַקומען אין „ציקאָ״ פאַרלאַג 25 איסט 78־סטע גאַס, ניו־יאָרק. — טעלעפאָן: 535-4320

●

דאָס בוך „יידיש־רינגען״ ווערט אויך פאַרקויפט אין אַרבעטער־רינג

WORKMEN'S CIRCLE BOOK DEPT.

Tel.: 889-6800

45 East 33 Street, New York City 10016

●

אויך אין אַמעריקאַנער יידישן קאָנגרעס

AMERICAN JEWISH CONGRESS

15 East 84th Street, New York, N. Y. 10028

(212) 879-4500

●

אַמעריקאַנער פעדעראַציע פון יידישע קעמפער, קאַצעטלער און קרבנות פון נאַציזם

AMERICAN FEDERATION OF JEWISH FIGHTERS, CAMP INMATES AND NAZI VICTIMS, INC.

315 Lexington Avenue, N. Y. C. Tel.: (212) 686-1210